35 אויב ער האָט זיי גערופֿן געטער, צו וועמען ג־טס
וואָרט איז געקומען—און די שריפֿט קען נישט בטל
36 ווערן—, זאָגט איר אויף אים, וועמען דער פֿאָטער
האָט געהייליקט, און געשיקט אין דער וועלט אַריין:
דו לעסטערסט; ווייל איך האָב געזאָגט: איך בין
37 דער בן אלקים? אויב איך טו נישט די מעשים פֿון
38 מיין פֿאָטער, זאָלט איר מיר נישט גלויבן. אויב
אָבער איך טו יאָ, אפילו ווען איר ווילט מיר נישט
גלויבן, גלויבט די מעשים, כדי איר זאָלט וויסן
און פֿאַרשטיין, אַז דער פֿאָטער איז אין מיר, און
39 איך בין אין דעם פֿאָטער. דעריבער האָבן זיי ווידער
געזוכט אים צו כאַפּן, און ער איז אַרויס פֿון זייער
האַנט.
40 און ער איז ווידער אַוועק קיין עבר הירדן, צו
דעם אָרט, וואו יוחנן פֿלעגט צום ערשט טובל זיין,
41 און איז דאָרט פֿאַרבליבן. און אַ סך זענען געקומען
צו אים, און האָבן געזאָגט: יוחנן האָט טאַקע נישט
געטון קיין נס, נאָר אַלץ, וואָס יוחנן האָט געזאָגט
42 וועגן דעם דאָזיקן (ישוע), איז אמת. און אַ סך
האָבן דאָרט געגלויבט אין אים.

## קאַפּיטל עלף

1 און עס איז איינער געלעגן קראַנק, אלעזר פֿון
בית הינִי, דאָס דאָרף פֿון מרים און איר שוועס־
2 טער מרתא. און די מרים איז עס געווען, וואָס
האָט געזאַלבט דעם האַר מיט משחה, און אים
אָפּגעווישט זיינע פֿיס מיט אירע האָר, וועמעס
3 ברודער אלעזר איז געלעגן קראַנק. די שוועסטער
האָבן דעריבער געשיקט צו אים, אַזוי צו זאָגן:
האַר, זע, ער וועמען דו האָסט ליב, ליגט קראַנק.